# LIVING TORAH

## פרשת עקב

### בס"ד. התוועדות כ"ף מנחם-אב ה'תשמ"ו

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

ס'איז דאך לאחרי חמשה עשר באב, וואס דעמולט איז "קיימא סיהרא באשלמותא[1]",

פרעגט מען דאך די שאלה: וויבאלד אז די לבנה איז דאך "הם עתידים להתחדש כמותה"[2], איז "קיימא סיהרא באשלמותא" זיינען אידן אויך "כמותה", ובפרט חמשה עשר באב, וואס "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב ויוהכ"פ"[3] – איז ווי קען מען זאגן, אז לאחרי חמשה עשר באב זאל זיין "הלוך הולך וחסר" !

פארענטפערט מען דאך אויף דערויף, כמדובר כמ"פ, אז דאס איז ניט הלוך הולך וחסור – נאר דאס איז די התחלה פון "ונפקדת כי יפקד מושביך"[4],

וואס דאס ווערט דורך "ונפקדת", אז ער איז ממעט זיין מציאות ווי זי איז פארבונדן מיטן מעמד ומצב **שלפנ"ז**, אבער ניט **העכער**, ער איז **מוגבל בזה**,

וואס דורך דערויף וואס ער איז ממעט זיין פארבונדנקייט מיט דער הגבלה און מדידה פון חמשה עשר באב – מאכט דאס אים א מוכשר גלייך פון דער רגע לאחרי "קיימא סיהרא באשלמותא" – ווערט דאס דער "ונפקדת כי יפקד מושביך", ווערט דער ענין פון "ונפקדת", מדה כנגד מדה – ער האט אן עזר מלמעלה,

ובפרט בנוגע צו חודש אב, אלס א הכנה צו חודש אלול פון "אני לדודי ודודי לי"[5],

וואס דערפאר איז דאך דער מנהג ישראל[6] אין גאנץ חודש אלול, אז אפילו כשכותבין **מכתב**, ווענן וואס עס זאל נאר זיין, ויש נוהגין[7] אזוי זיך אנהויבן פירן שוין פון חמשה עשר באב, איז אט דעמולט **ווינטשט** ער דעם וועלכן ער שרייבט, אע"פ וואס, כאמור, ער שרייבט אים ווענן אן ענין וואס האט לכאורה דערצו קיין שייכות ניט –דערמאנט ער במכתבו ובכתבו דעם ענין פון א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה.

וואס דערפאר איז דאך א דבר הפשוט, נוסף אויף דער **הזהרה ברורה "ואברכה מברכיך"**[8] משא"כ ווי דער המשך הכתוב,

---

1) זח"א קנ, רע"א. ח"ב פה, רע"א. ועוד.

2) סנהדרין מב, א. רמב"ם הל' ברכות פ"י הט"ז.

3) תענית כ' ע"ב – במשנה. שם ל' ע"ב.

4) שמואל א' כ', יח.

5) ראה לקו"ת פ' ראה לב, א ואילך. ובכ"מ.

6) מטה אפרים סתקפס"א ס"ט (מלקוטי מהרי"ל הל' ימים הנוראים).

7) דרכי חיים ושלום סתרפ"ד.

8) לך לך יב, ג. וראה רמב"ם הל' נשיאת כפים בסופן



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת עקב

עאכו"כ בחודש אלול, און ווער רעדט נאך אז מ'האט א געלעגנהייט, אדער מ'רייזט א געלעגנהייט, אויף רעדן אז א צווייטער זאל הערן –

דארף מען וויסן זיין, אז דעם רעדן איז אין אן אופן און דוקא מיטן תוכן פון "ואברכה מברכיך",

און "אין מקרא יוצא מידי פשוטו", ווי דער ענין איז בשעת מ'זאגט א ווארט און עס גייט ארויס **בדיבור** – ווערט מען אויס בעה"ב אויף דעם, און דער וואס הערט דאס – טייטשט דאס ווי ער הערט דאס, און גייט ניט נאכפרעגן זיך פשט'לעך און פשטים, וואס עס קען גאר זיין אז דאס **מיינט** גאר יענער וכיו"ב, וואס אין כאן המקום להאריך בזה,

איז גלייך ווערט אין דערויף די הזהרה, צוזאמען מיט דעם נתינת כח, אויף **איבערקערן**, אע"פ וואס ס'איז געווען דער אלול פון שנה שעברה, אדער **שנים** שעברו וכו' – ווערט בטל די גאנצע רגילות וכו',

און עס ווערט אן אלול וואס **יעדער** איד בענטשט **יעדער** אידן און **אלע** אידן בטוב הנראה והנגלה, און דוקא בדברים כאמור – אז עס זאל זיין נאר ברכות והצלחות וישועות לכל אחד ואחת מישראל,

און אט דאס וואס מ'דארף מעורר זיין אידן לתשובה – איז דאך אויף דערויף קען דאך זיין, און ווי רובא דרובא האבן דאס שוין געטאן און **מצליח** געווען בזה, דוקא ע"י "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום"[9];

אז מ'רעדט ענינים של **טוב וברכה** און טוב הנראה והנגלה אין דער מעלה פון **עשה טוב** – טוט מען אויף א סאך מערער, און זיכער אז מ'טוט ניט אפ און מ'מאכט ניט שווערער פאר א צווייטן אידן ער זאל האבן א קשר מיט תורה וכיו"ב, ווארום ער הערט "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום",

– אין אן אופן וואס בא דעם **הערער** איז דאס "דרכי נועם ונתיבותי' שלום".

און בשעתא חדא וברגעא חדא, נאך ניט ווארטן אויף חודש אלול, נאר גלייך נאך חמשה עשר באב,

עאכו"כ אז מ'ברייננגט דעם "קרבן העצים", וואס דאס איז דאך איינער פון די טעג "בעשרים בו"[10], עשרים באב,

וכמדובר כמ"פ, דער ענין פון "קרבן העצים" איז, ווי פשוטם של ענינים איז, אז ס'איז געווען אידן וואס האבן געדארפט בריינגען א קרבן, וואס א קרבן אין בית המקדש דארף דאך זיין דוקא "על העצים אשר על האש אשר על המזבח"[11], און קיין עצים האבן זיי ניט געהאט,

9) משלי ג, יז. וראה רמב"ם הל' חנוכה בסופן.

10) תענית כו, ע"א- במשנה. שם כח ע"א.

11) ויקרא א, ח.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת עקב

האט מען זיי געמאכט א ספעציעלע לשכה אין בית המקדש, און וואס זי איז געווען כשמה "לשכת העצים" און דארט איז געלעגן עצים וואס "אינו יודע מי שנתן"[12] און פון דארטן נעמט ער און איז מקריב זיין קרבנו, און דער קרבן טוט אין אים אויף די אלע ענינים,

און אין די אלע זאכן, כאמור, מיינט מען דאס "המעשה הוא העיקר"[13], בנוגע צו די השתדלות מיט בני-נח, עד"ז די השתדלות, ועאכו"כ, מיט בנ"י, וואס מאיזה סיבה שונה ומשונה דארפן זיי [אנקומען] צו דער הודעה מ'זאל זיי מודיע זיין וועגן אט די אלע ענינים, אבער – בדרכי נועם ובדרכי שלום,

און מ'טאנצט אלע צוזאמען לקבל פני משיח צדקנו, און מתוך שמחה וטוב לבב, ובשעתא חדא וברגעא חדא, במהרה בימינו ממש.

12) רמב"ם הל' מתנות עניים פ"י ה"ח.
13)אבות פ"א מי"ז.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.